# טשיילד סאפאורט אין א גט

LIFT
Justice for all.
One family at a time.

די דאזיקע בראשור איז א גאייד פאר פרויען אין דער פרומער קהילה. פרויען זענען טאקע מער שייך צו ליידן פון צו זיין א קרבן פון גט ענטזאגונג )ווען דער מאן אדער די פרוי האלט זיך צוריק פון אפלאזן דעם צווייטן פריי(, אבער עס איז אויך מעגליך פאר א מאן צו זיין א קרבן. ווי אויך, עס זענען פאראן אונטערשיידן צווישען פארשידענע קהילות וויאזוי מען פארשטייט די הלכה וואס אנבאלאנגט דער גט פראצעס. זיי זיך מיישב מיט דיין פרעזענליכן הלכהשע בעל-יועץ פאר מער אינפארמאציע.

## איך גיי זיך גטן. קען איך באקומען טשיילד סאפאורט (child support)?

לויטן ניו יארק געזעץ, א קינד קען באקומען שטיצע, טשיילד סאפאורט (child support), ביז 21 יאר-אלט. אמאל קען טשיילד סאפאורט ענדיקן פריער. ווי צום ביישפיל, ווען א קינד גייט אין ארמיי אדער האט חתונה, קען דער טשיילד סאפאורט ענדיקן פריער. בכלל, דער וועלכער איז דער קאסטאדיאל פארענט (וועלכער האט קאסטאדי) באקומט טשיילד סאפאורט פון דעם וועלבע האט נישט דעם קאסטאדי פון דעם קינד. דער וועלכער האט די קאסטאדי איז דער וואס בעיקר לעבט מיט דעם קינד. אויב דו און דיין מאן, צום ביישפיל, צעטיילן די קאסטאדי, דער וועלכער פארדינט מער, געוועגטליך צאלט טשיילד סאפאורט.

## וואו דארף איך גיין צו בעטן פאר טשיילד סופארט?

אין פאל וואס דיין מאן איז נישט מסכים צו צאלן טשיילד סאפאורט, קענסטו בעטן ביים **בית דין** צו זיך פארנעמען מיט דעם ענין. בית דין וועט ברענגן א לעזונג צום סכסוך דורך א דין תורה. אויף דעם דין תורה, וועסטו געבעטן ווערן צו חתמה׳נן א **שטר בירורין**. דאס איז אן אפמאך צו צוגיין מיט **ארביטריישין. ארביטריישין** איז א פראצעס צו לעזן א סכסוך. אויב דו דערגרייכסט נישט קיין אפמאך, בית דין וועט מחליט זיין פאר דיר.

ווי נאר דו גייסט צו בית דין פאר טשיילד סאפאורט, דאן זענען דיינע אפציעס זייער באגרענציט, טאמער דו ביסט נישט מסכים מיט בית דיןס פסק. זעט זייט 2 פאר מער אינפארמאציע. אויב דער בית דין האט נישט באשטימט א פסק וועגן טשיילד סאפאורט, קענסטו בעטן פאר טשיילד סאפאורט אין דיין ציוויל דיווארס.

## דארפן מיר נוצן דעם בית דין צו לעזן אונזער סכסוך?

טייל פרומע רבנים זאגן אז אידישע מאן-און-פרוי מוזן גיין צו א **בית דין** צו ברענגן א לעזונג צו איינצעלהייטן וואס אנבאלאנגט דיווארס, אריינגערעכנט טשיילד סאפאורט. עס זענען פאראן אויסנאמען. ווי צום ביישפיל, עס איז מעגליך אז דו קענסט לכתחילה גיין אין קאורט טאמער דו ביסט אין א סכנה און דאגהסט וועגן דיין פארזיכערונג. עס איז אויך מעגליך אז אין געוויסע אומשטענדן קענסטו באקומען א **היתר ערכאות** פון א רב. א היתר ערכאות איז א דאקומענט וואס גיט דיר ערלויבעניש צו מאכן א פעטישין אין קאורט, אנשטאט בית דין. אין ביישפיל איז אויב דיין מאן ענטזאגט זיך (מסרב) צו גיין אין בית דין.

## צי איז דא א חילוק וועלכער בית דין איך נוץ?

יא. די בתי דין טוישן זיך אין שייכות מיט געוויינליכקייטן, פראצעדורן און וואס זיי האלטן פאר וויכטיג. ווי נאר דו ביסט מסכים פאר א געוויסן בית דין, וועסטו שוין נישט קענען טוישן דיין דעה. קלייב אויס דעם בית דין מיט אכטונג. טייל קהילות האבן אן עסטאבלישט לאקאלע בית דין. אנדערע האבן מערערע בתי דין צו אויסקלייבן. געוואנדן אויף די אומשטענדן פון דיין קעיס, מעגליך אז דו קענסט נוצן א בית דין וואס איז נישט לאקאל.

## וויאזוי קען איך אנפאנגען א דין תורה?

אדער דו אדער דיין מאן קענען אנפאנגען דער פראצעס. אויב איר ביידע זענט מסכים צו גיין אויף א דין תורה, קענסטו זיך פארבינדן מיטן בית דין צו באשטימען א דאטע. אויב איינע פון אייך זענען נישט מסכים, דער צווייטער קען בעטן בית דין צו ארויסשיקן א **הזמנה**, אדער סאמענס. א סאמענס איז א דאקומענט וואס הייסט איינער צו זיך באווייזן אין קאורט אדער בית דין.

## וויאזוי באשטימט בית דין דער צאל פון טשיילד סאפאורט?

עס ווענדט זיך, הלכה גיט נישט ספעציפישע הוראות וויאזוי בית דין זאל באשטימען טשיילד סאפאורט. במילא, בתי דין טוישן זיך וואס אנבאלאנגט וויאזוי צו באשטימען טשיילד סאפאורט. טייל בתי דין פאלגן די הוראות פון ניו יארק וואס אנבאלאנגט טשיילד סאפאורט. אנדערע נישט. טאמער א בית דין פאלגט נישט די דאזיקע הוראות, קען זייער פסק שפעטער זיין קעגנגעשטעלט אין קאורט. זעט ווייטער פאר מער אינפארמאציע. נעם דאס אין אכט בשעת דו קלייבסט אויס א בית דין.

## צי קען דער בית דין פסקנען וועגן אנדערע הוצאות חוץ פון טשיילד סאפאורט?

יא, דער בית דין קען באשטימען ווער איז פאראנטווארטליך צו באצאלן געוויסע הוצאות, אזוי ווי:

- שכר לימוד פאר ישיבה;
- צאלן פאר קעמפ;
- בר/בת מצווה מסיבות;
- הוצאות אין שייכות מיטן קאסטן פארן יאר לערנען אין ארץ ישראל ) ווי צום ביישפיל נאך היי סקול( און;
- הוצאות פאר חתונות.

בנוסף, דער בית דין קען געבן א פסק אז דער מאן דארף אויסצאלן חודשליך **כתובה** געלט, כדי צו זושטעלן מיט שטיצע. א **כתובה** איז א חתונה קאנטראקט וואס באשטימט דעם מאן׳ס פליכטן פאר זיין ווייב. הלכה איז נישט מחייב מיינטינענס (maintenance) אדער אלימאני (alimony).

## צי וועט בית דין׳ס פסק ווערן באצוואונגען אין קאורט?

געוועגנטליך, יא. מערסטע החלטות פון בית דין זענען מחייב, און קענען ווערן באצוואונגען אין בית דין און קאורט. בשעתן איינגעבן דעם דיווארס אין קאורט, דער קאורט קען עס אינקארפאריירטן (**incorporate**), פעראייניגן, מיט דער פסק פון בית דין אין דיין פאיינעל דזשאדזשמענט (final judgment).

## איך בין נישט מסכים מיט דעם סאפאורט וואס בית דין האט געפסקנט. וואס קען איך טוהן?

דו קענסט אנפאנגען א קעיס אין קאורט אויב דו האלטסט אז דער בית דין׳ס טשיילד סאפאורט פסק איז נישט יושרדיק. דער קאורט האט דעם כוח צו מבטל זיין (vacate) דעם פסק פון בית דין. דער קאורט קען מבטל זיין דעם פסק אויב עס:

- איז נישט אין באשטימונג מיט די געזעצן פון ניו יארק וואס אנבאלאנגט טשיילד סאפאורט, און
- איז נישט אין בעסטן אינטערעס פארן קינד.

געדענק אז עס איז זייער שווער צו מבטל זיין החלטות פון בית דין. איין סיבה איז דערפאר וואס בשעת דו האסט מסכים געווען צו ארביטריישין אין בית דין, ביסטו דאן מסכים צו זיך אונטערגעבן צום פסק פון בית דין. מעגליך אז דו וועסט וועלן זיך מיישב זיין מיט אן עטאירני באקאנט מיט דעם אידישען און ציוויל לעגאלע סיסטעמס, איידער דעם דאזיקע פראצעס.

## וויאזוי וועט דער דזשאדזש מחליט זיין אויב צו מבטל זיין דעם פסק פון בית דין?

דער קאורט מוז מחליט זיין אויב דער פסק פון בית דין וואס אנבאלאנגט סאפאורט איז אין באשטימונג מיט די געזעצן פון ניו יארק און איז אין בעסטן אינטערעס פאר דיין קינד. כדי צו דערגרייכן מיט א החלטה, דער קאורט רעכנט זיך מיט פארשידענע פאקטארן. די פאלגענדע פאקטארן זענען, אבער נישט באגרעניצט:

- די אינפארמאמיע מיט וואס דער בית דין האט זיך באנוצט צו באשטימען טשיילד סאפאורט;
- די פינאנציאלע רעסארסען פון ביידע עלטערן; און
- אויב דער סאפאורט איז גענונג כדי צו אויסהאלטן דיין קינד.

## וואס קען איך טוהן אויב מיין מאן באצאלט נישט קיין טשיילד סאפאורט?

אויב עס איז דא א פסק פון בית דין אדער א פסק פון קאורט פאר דיין מאן צו צאלן טשיילד סופארט, מוז ער אויספאלגן. דו קענסט בעטן דעם קאורט צו באצווינגען דער טיישלד סאפאורט. אויב דו האסט שוין א טשיילד סאפאורט ארדער פון קאורט, קענסטו איינגעבן א **וויאליישין פעטישין (violation petition)**. א וויאלישין פעטישין לאזט דעם קאורט וויסן אז דיין מאן באצאלט נישט סאפאורט. אויב דו ביסט קיינמאל נישט געווען אין קאורט, וועסטו דארפן אנפאנגען א נייעם קעיס אדער בעטן דעם קאורט צו זיך פארנעמען מיט טשיילד סאפאורט אין דיין דיוואָרס.

## וואס קען דער קאורט טוהן צו באצווינגן טשיילד סאפאורט?

דער קאורט קען ארויסגעבן **מאני דזשאדזשמענט (money judgment)**. דאס איז א דאקומענט פון קאורט וואס זאגט וויפל דיין מאן איז שולדיקט. דער סכום וועט זיך פארגרעסערן מיט 9 פראצענט ריבית א יאר, ביז ער וועט עס אויסצאלן. דו קענסט אויך נוצן דער **מאני דזשאדזשמענט** צו קאנפיסקירן אדער צונעמען זיין אסעטס (פארמעגן) אדער צו לייגן א ליען (עיקול), דאס הייסט צו פארהאלטן זיין פארמעגן וואס ער פארמאגט. אויב דער קאורט געפינט אז ער האט **בכוונה עובר געווען (willfully violated)** אויף דעם ארדער וועגן דער סאפאורט, קען ער ווערן אריינגעלייגט אויף פראביישין אדער אריינגעלייגט אין תפיסה פאר ביז 7 חדשים.

דער קאורט קען אויך הייסן אז טשיילד סאפאורט זאל באצאלט ווערן דורך דעם אפיס אף טשיילד סאפאורט סערוויסעס (Office of Child Support Services-OCSS), וואס ווערט אמאל אנגערופן דער סאפאורט קאלעקשין יוניט (Support Collection Unit-SCU), איז דער איידזשענסי וואס קלייבט טשיילד סאפאור OCSS. קען אויך אנענעמן מיטלען אנטקעגן דיין מאן פאר נישט באצאלן קיין טשיילד סאפאורט. אזויווי צוםביישפיל, OCSS קען:

- ארויסנעמען די טשיילד סאפאורט גלייך פון זיין פעי טשעק; נעמן
- זיין סטעיט אדער פעדעראל טעקס ריפאנד
- מבטל זיין זיין דרייווערס לייסענס אדער פראפעציאנאלע לייסענס;
- פארפרירן זיין באנק אקאונט און נעמען פון דעם געלט;
- אפהאלטן פון אים צו באקומען א נייעם פאספארט, אדער צו באנייען זיין פאספארט אויב עס איז אויסגעגאנגען;
- אנזאגן וועגן אים צו די קרעדיט ביוראס, א זאך וואס קען שאטן זיין קרעדיט סקאור.

פארבינד זיך מיט דעם ניו יארק סטעיט טשיילד סאפאורט האטליין אויף 1-888-208-4485 צו זיך דערוויסן מער וועגן OCSS סערוויסעס.

## וועלכע אנדערע איינצעלהייטן קען דער בית דין באשטימן אין שייכות מיט מיין דיוואָרס?

דער בית דין קען לעזן א סכסוך וועגן דעם צעטיילונג פון דעם פארמעגן, קאסטעדי און וויזיטיישין. עס איז מעגליך אז דער בית דין וועט דיר מחייב זיין צו איינגעבן זייער החלטה אלס א חלק פון דער אנקאנטעסטעד דיוואָרס אין קאורט. פאר מער אינפארמאציע וועגן ציוויל דיוואָרס, זעט דעם בראשור פון LIFT "אנקאנטעסטעד ציוויל דיוואָרס יסודות" (Uncontested Civil Divorce Basics).

## וואו קען איך גיין פאר הילף?

דו קענסט זיך פארבינדן מיט One Step Forward אויף 1-844-673-5463. One Step Forward שטעלט צו פאר אומזיסט שטיצע און רעסארסן פאר ווער נאר וואס גייט א דורך דעם אידישן גט פראצעס. דו קענסט זיך אויך ווענדן צו די רשימה פון רעסארסן אויף זייט 6-7 פון דעם בראשור פון LIFT "גטן זיך יסודות" (Jewish Divorce Basics).

*דער דאזיקער דאקומענט זאל נישט זיין אנשטאט דאס ראטן זיך מיט אן עטאירני. LIFT איז מעודד סיי ווער וואס גייט דורך א גט צו זיך ראטן מיט אן עטאירני.*

© לעגאלע (Legal Information for Families Today) אינפארמאציע פאר פעמיליס היינט). דאס לעצטע מאל וואס עס איז דערהיינטיקט געווארן אין 2020 ,August. דו קענסט מאכן א פאטאקאפי אדער אויסטיילן די דאזיקער בראשור; אבער, דו טארסט נישט באארבעטן אדער מאכן ענדערונגן מיט איר תוכן אדער אראפנעמען דעם לאגא.